1. שמועס — אין אוניווערסיטעט . . . 17
גראַמאַטיק — ווערב־קאָניוגאַציעס . . . 19
ווערטער־סדר . . . 21
אידיאָמען — די צאָלן 1–10 . . . 25
באַגריסונגען . . . 25
שמועס — מיט פֿרייַנד . . . 27
אידיאָמען — די טעג פֿון דער וואָך . . . 29

2. שמועס — אין קלאַס . . . 31
גראַמאַטיק — לשון־רבים פֿון סובסטאַנטיוון . . . 32
די מינים . . . 33
די בייגפֿאַלן . . . 37
דער אַרטיקל . . . 37
דער אַדיעקטיוו . . . 38
פּרעפּאָזיציעס . . . 40

| | | | |
|---|---|---|---|
| | אידיאָמען | קאָלירן | 45 |
| | גראַמאַטיק | דעקלינאַציע פֿון סובסטאַנטיוון און נעמען פֿון יחידים | 46 |
| 3. | שמועס | אין קראָם | 49 |
| | אידיאָמען | די צאָלן 11 – 1.000.000.000 | 50 |
| | גראַמאַטיק | די פֿאַרגאַנגענע צײַט / דער עבֿר | 52 |
| | | האָבן צי זײַן? | 53 |
| | | דער פּערזענלעכער פּראָנאָם | 61 |
| | | די פֿאַרניינונג | 63 |
| | לייענוואַרג | קאַרטאָפֿל־זופּ מיט שוואָמען (ליד) (מ. געבירטיג) | 66 |
| 4. | שמועס | אין קלאַס | 71 |
| | גראַמאַטיק | ווערטער־סדר (2) | 72 |
| | | דער אינפֿיניטיוו | 74 |
| | | די קומעדיקע צײַט | 75 |
| | | דירעקטע פֿראַגעס | 77 |
| | | אומדירעקטע פֿראַגעס | 79 |
| | לייענוואַרג | אַ סעודהניו (פֿאָלקסליד) | 82 |
| 5. | לייענוואַרג | חנוכּה | 85 |
| | | שפּילן אין דריידל | 87 |
| | גראַמאַטיק | דער אימפּעראַטיוו | 88 |
| | | „זאָלן“ ווי אַ באַפֿעל | 89 |
| | אידיאָמען | צײַט און דער זייגער | 92 |
| | לייענוואַרג | אָ, איר קליינע ליכטעלעך (ליד) (מ. ראָזענפֿעלד) | 96 |
| | | אוי חנוכּה, אוי חנוכּה (פֿאָלקסליד) | 98 |
| 6. | שמועס | אַ שׂימחה | 101 |
| | לייענוואַרג | כּשרות | 101 |
| | גראַמאַטיק | מאָדאַלע ווערבן און ווערבן וואָס קומען מיט אַן אינפֿיניטיוו | 104 |
| | | פּראָנאָמען | 107 |
| | | פּאָסעסיווע פּראָנאָמען | 110 |
| | | פּאָסעסיוו־קאָנסטרוקציעס | 110 |
| | לייענוואַרג | די צען געבאָט (יהואָש) | 114 |
| | | אַ מענה־לשון פֿון אַ שטיפֿמאַמע (שלום־עליכם) | 116 |
| 7. | לייענוואַרג | אַ בריוו פֿון דוד האָפֿשטיין צו קלמן מרמר | 119 |
| | | שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין יעהופּעץ (שלום־עליכם) | 121 |
| | | מנחם־מענדל פֿון יעהופּעץ צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע (שלום־עליכם) | 121 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | גראַמאַטיק | די סדר־צאָלן | 124 |
| | | די בראָכצאָלן | 125 |
| | אידיאָמען | די חדשים | 126 |
| | | די צײַטן פֿון יאָר | 126 |
| | | דאַטעס | 127 |
| | גראַמאַטיק | רעלאַטיווע בײַזאַצן | 128 |
| | אידיאָמען | ווי אַזוי שרײַבט מען אַ בריוו? | 132 |
| 8. | לייענוואַרג | מײַן זיידע (ת. בערקאָוויטש) | 135 |
| | גראַמאַטיק | אַדיעקטיוון אין פּרעדיקאַט | 136 |
| | | פּאָסעסיוו־קאָנסטרוקציעס (2) | 137 |
| | | דער קאָמפּאַראַטיוו פֿון אַדיעקטיוון | 139 |
| | | דער סופּערלאַטיוו פֿון אַדיעקטיוון | 140 |
| | | דער קאָמפּאַראַטיוו פֿון אַדווערבן | 141 |
| | | דער סופּערלאַטיוו פֿון אַדווערבן | 142 |
| | | אַנדערע מעגלעכקייטן אויסצודריקן דעם קאָמפּאַראַטיוו און סופּערלאַטיוו | 142 |
| | | קאָנדיציאָנאַל | 144 |
| | | אַנדער | 146 |
| | לייענוואַרג | זאָל זײַן (י. פּאַפּיערניקאָוו) | 147 |
| | | איינע אַ קאָרעספּאָנדענץ (מ. נאַדיר) | 148 |
| 9. | לייענוואַרג | פֿישקע דער קרומער (ש. י. אַבראַמאָוויטש) | 149 |
| | גראַמאַטיק | די ווערבאַלע פּרעפֿיקסן | 152 |
| | | דער טו־שטייגער | 154 |
| | | די שטאַם־קאָנסטרוקציע | 157 |
| | | אין / קיין | 160 |
| | | דאָ / ניטאָ / פֿאַראַן | 161 |
| | | ווערטער־סדר (3) | 163 |
| 10. | לייענוואַרג | דעם בעל־שמס ליולקע־ציבעך (י. י. טרונק) | 165 |
| | גראַמאַטיק | פֿאַרקלענער־פֿאָרמעס פֿון סובסטאַנטיוון | 168 |
| | | פֿאַרקלענער־פֿאָרמעס פֿון אַדיעקטיוון | 174 |
| | | צערטל־פֿאָרמעס | 176 |
| | | ביטול־נעמען | 176 |
| | לייענוואַרג | חסידות | 177 |
| | | חסידימלעך (ליד) (י. קאָלאָדני) | 179 |
| | אידיאָמען | רבֿ – רבי – ראַבינער | 181 |
| | גראַמאַטיק | אַדווערבן פֿון אָרט | 181 |
| 11. | לייענוואַרג | פּסח (ב. שאַגאַל) | 185 |
| | | פּסח | 191 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | גראַמאַטיק | עס | 192 |
| | | דער גערונדיוו | 193 |
| | | פּאַרטיציפּן כּדי צו פֿאַרקירצן זאַצן | 195 |
| | | דער פּאַסיוו | 197 |
| | לייענוואַרג | די פֿיר קשיות | 199 |
| | | מה אַדברה, מה אַספּרה (פֿאָלקסליד) | 200 |
| 12. | לייענוואַרג | צו דרײַ יאָר טוט מען מיר אָן אַ טלית און מען שפּאַנט מיך אין יאָך פֿון תּורה (י. י. זינגער) | 203 |
| | גראַמאַטיק | געדויער און די פּרעפּאָזיציע „אויף“ | 206 |
| | | דער דעמאָנסטראַטיווער פּראָנאָם (2) | 207 |
| | לייענוואַרג | טראַדיציאָנעלע דערציִונג | 209 |
| | גראַמאַטיק | אומדירעקטע רייד | 213 |
| | | אויסלאָזן דעם ווערב | 216 |
| | לייענוואַרג | יאַנקעלע (מ. געבירטיג) | 218 |
| 13. | לייענוואַרג | דער עלטסטער ייִדישער ליטעראַרישער דאָקומענט (ח. שמערוק) | 221 |
| | גראַמאַטיק | רעלאַטיווע בײַזאַצן (2) | 224 |
| | | אינפֿיניטיוון מיט „צו“ | 227 |
| | | אומפּינקטלעכקייט בײַ צאָל | 230 |
| | אידיאָמען | דער ייִדישער לוח | 231 |
| | לייענוואַרג | ימים־נוראָים (פּ. הירשביין) | 236 |
| 14. | לייענוואַרג | בעל־מלאָכות (מאַני לייב) | 241 |
| | | דער לעצטער שנײַדער (מ. קולבאַק) | 242 |
| | גראַמאַטיק | פֿורעמונג פֿון אַדיעקטיוון | 244 |
| | אידיאָמען | אידיאָמען מיט „ווער, ווי, וואָס, וווּ“ | 252 |
| | לייענוואַרג | דער בונד (אַ. מענעס און ר. אַבראַמאָוויטש) | 254 |
| | | וואַכט אויף! (ד. עדלשטאַט) | 258 |
| | | מלאָכה – מלוכה (ז. באַרדיטשעווער) | 260 |
| 15. | לייענוואַרג | עליס־אײַלאַנד (שלום־עליכם) | 263 |
| | גראַמאַטיק | פֿורעמונג פֿון סובסטאַנטיוון | 266 |
| | | לשון־נקבֿה־סופֿיקסן | 272 |
| | | צונויפֿהעפֿטן | 275 |
| | | נאָכאַנאַנדיקע סובסטאַנטיוון | 280 |
| | לייענוואַרג | דער ייִד וואָס האָט חרובֿ געמאַכט דעם טעמפּל (אַ. רייזען) | 282 |
| 16. | לייענוואַרג | שבת (י. העלער) | 287 |
| | | פֿרײַטיק נאָך מיטאָג (ש. אַש) | 292 |

גראַמאַטיק אַדיעקטיוו־ און סובסטאַנטיוו־קאָנסטרוקציעס . 294
אויסלאָזן דעם אַרטיקל . . . . . . . . 295
דער פּאָסעסיווער פּראָנאָם אָדער דער באַשטימטער
אַרטיקל . . . . . . . . . . . . 296
זאַלבע + צאָל . . . . . . . . . . . . 299
לייענוואַרג דער שבת ענדיקט זיך (אַ. רעכטמאַן) . . . . . . 300
פּרייַטיק אויף דער נאַכט (נ. שטערנהיים) . . . 303

17. לייענוואַרג מוכרי־ספֿרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש) . . . . . . 305
גראַמאַטיק לשון־קודשדיקע פּרעפֿיקסן . . . . . . . . 310
לייענוואַרג צייכנס און פֿאַרקירצונגען . . . . . . . . 313
גראַמאַטיק פֿורעמונג פֿון אַדווערבן און אַדווערביעלע פּראַזעס 315
לייענוואַרג אַ ניט־ייִדישע פּריוואַט־ביבליאָטעק (י. ל. פּרץ) . 319

18. לייענוואַרג דאָס פּוילישע ייִנגל (י. י. לינעצקי) . . . . . . . 327
גראַמאַטיק די לאַנג־פֿאַרגאַנגענע צייַט . . . . . . . 331
די צווייטע קומעדיקע צייַט . . . . . . . 333
קאָנדיציאָנאַל (2) . . . . . . . . . 334
אימפּעראַטיוו (2) . . . . . . . . . 335
די פֿונקציעס פֿונעם פּראָנאָם „זיך“ . . . . . . 335
דער טויטאָלאָגישער אינפֿיניטיוו . . . . . . 341
לייענוואַרג מענדל ברייַנעס (י. ל. פּרץ) . . . . . . . 342

דער פּשוטער ווערטער־סדר . . . . . . . . . 355
שליסל צו די געניטונגען . . . . . . . . . . 357
רעגיסטער . . . . . . . . . . . . . . 407

# Erste Lektion ערשטע לעקציע

## Gespräch שמועס

### An der Universität אין אוניווערסיטעט

*[Track 1]*

| | |
|---|---|
| יעקבֿ | גוט־מאָרגן. |
| סעקרעטאַר | גוט־יאָר. וואָס ווילט איר? |
| יעקבֿ | איך וויל שטודירן ייִדישע לימודים. |
| סעקרעטאַר | זייער גוט. ווי הייסט איר? |
| יעקבֿ | איך הייס יעקבֿ שטיינבאַרג. |
| סעקרעטאַר | ווי אַזוי לייגט מען דאָס אויס? |
| יעקבֿ | י–ע–ק–בֿ ש–ט–יי–נ–ב–אַ–ר–ג. |
| סעקרעטאַר | ווּ וווינט איר? |
| יעקבֿ | איך וווין אויף דער טוכאָלסקי־גאַס, נומער צען. |
| סעקרעטאַר | צי איז דאָס דאָ אין דיסלדאָרף? |
| יעקבֿ | יאָ, איך וווין דאָ אין פֿיר נול פֿיר זיבן נײַן דיסלדאָרף. |
| סעקרעטאַר | צי האָט איר אַ טעלעפֿאָן? |
| יעקבֿ | יאָ, מײַן נומער איז פֿינף נײַן איינס אַכט דרײַ צוויי זעקס. |
| סעקרעטאַר | אַ שיינעם דאַנק, איצט זײַט איר אַ סטודענט פֿון ייִדישע לימודים. |

| neue Wörter | נײַע ווערטער |
|---|---|
| *ein (»an« vor Vokal/Diphthong)* | אַ(ן) |
| *vielen Dank* | אַ שיינעם דאַנק |
| *buchstabieren, (richtig) schreiben* | אויסלייגן |
| *auf (Präp.)* | [af] אויף |
| *Universität* | אוניווערסיטעט (ן), דער |
| *eins* | איינס |
| *ich* | איך |
| *in* | אין |
| *jetzt* | איצט |
| *ihr, Sie* | איר |
| *acht* | אַכט |
| *Straße* | גאַס (ן), די |
| *gut* | גוט |
| *Antwort auf* גוט־מאָרגן | גוט־יאָר |
| *guten Morgen, guten Tag* | גוט־מאָרגן |
| *hier* | דאָ |
| *das* | דאָס |
| *die* | די |
| *Düsseldorf* | דיסלדאָרף |

| | |
|---|---|
| *der* | דער |
| *drei* | דרײַ |
| *haben* | האָבן (ער האָט) |
| *heißen* | הייסן |
| *was* | וואָס |
| *Wort* | וואָרט (ווערטער), דאָס |
| *wo* | וווּ |
| *wohnen* | וווינען |
| *wie* | ווי (אַזוי) [azóy] |
| *wollen* | וועלן (איך וויל, ער וויל) |
| *sieben* | זיבן |
| *sein* | זײַן (ער איז, איר זײַט) |
| *sehr* | זייער |
| *sechs* | זעקס |
| *Tucholsky-Straße* | טוכאָלסקי־גאַס (ן), די |
| *Telefon* | טעלעפֿאָן (ען), דער [telefón] |
| *ja* | יאָ |
| *Jahr* | יאָר (ן), דאָס |
| *jiddisch, jüdisch* | ייִדיש |
| *Jakob (männl. Vorname)* | יעקבֿ [yánkev] |
| *Fach; Unterricht(swesen); (Unterrichts-)Stunde, Kurs* | לימוד (ים), דער [límed – limúdim] |
| *Lektion* | לעקציע (ס), די |
| *mein* | מײַן |
| *man* | מע(ן)[1] |
| *null* | נול |
| *Nummer* | נומער (ן), דער |
| *neu* | נײַ |
| *neun* | נײַן |
| *Student* | סטודענט (ן), דער |
| *Studentin* | סטודענטקע (ס), די |
| *Sekretär* | סעקרעטאַר (ן), דער |
| *erste(r)* | ערשט(ער) |
| *von, aus (Material)* | פֿון |
| *fünf* | פֿינף |
| *vier* | פֿיר |
| *zwei* | צוויי |
| *Interrogativpartikel bei Entscheidungsfragen* | צי |
| *zehn* | צען |
| *studieren* | שטודירן |
| *Gespräch* | שמועס (ן), דער |

1 מען und מע vor dem Prädikat, nachgestellt nur מען.

# Grammatik גראַמאַטיק

## Verbkonjugationen ווערב־קאָניוגאַציעס

אין דער איצטיקער צײַט ניצט מען דעם שטאַם פֿון ווערב מיט די ווײַטערדיקע סופֿיקסן:

| | |
|---|---|
| איך | □□□ |
| דו | □□□סט |
| ער, זי, עס | □□□ט |
| מיר | □□□(ע)ן |
| איר | □□□ט |
| זיי | □□□(ע)ן |

למשל:

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך | שטודיר | איך | שפּיל זיך |
| דו | שטודירסט | דו | שפּילסט זיך |
| ער, זי, עס | שטודירט | ער, זי, עס | שפּילט זיך |
| מיר | שטודירן | מיר | שפּילן זיך |
| איר | שטודירט | איר | שפּילט זיך |
| זיי | שטודירן | זיי | שפּילן זיך |

אויב דער שטאַם ענדיקט זיך מיט אַ **ם**, **ן**, **נג**, **נק**, מיט אַן **אַקצענטירטן וואָקאַל** אָדער **דיפֿטאָנג**, שטעלט מען אַרײַן נאָך אַן **ע** צווישן שטאַם און סופֿיקס אין דער ערשטער און דריטער פּערזאָן לשון־רבים (ל״ר):

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך | וווין | איך | בענק |
| דו | וווינסט | דו | בענקסט |
| ער, זי, עס | וווינט | ער, זי, עס | בענקט |
| מיר | וווינען | מיר | בענקען |
| איר | וווינט | איר | בענקט |
| זיי | וווינען | זיי | בענקען |

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך | זע | איך | בוי |
| דו | זעסט | דו | בויסט |
| ער, זי, עס | זעט | ער, זי, עס | בויט |
| מיר | זעען | מיר | בויען |
| איר | זעט | איר | בויט |
| זיי | זעען | זיי | בויען |

ס׳זײַנען דאָ ווערבן, וואָס זייער שטאַם ענדיקט זיך מיט אַ נישט אַקצענטירטן **ע**:

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך | פּראַווע | איך | סטראַשע |
| דו | פּראַוועסט | דו | סטראַשעסט |
| ער, זי, עס | פּראַוועט | ער, זי, עס | סטראַשעט |
| מיר | פּראַווען | מיר | סטראַשען |
| איר | פּראַוועט | איר | סטראַשעט |
| זיי | פּראַווען | זיי | סטראַשען |

אויב דער שטאַם ענדיקט זיך מיט אַ **ס**, שרײַבט מען נאָר איין **ס** אין דער צווייטער פּערזאָן לשון־יחיד (ל״י):

| | |
|---|---|
| איך | הייס |
| דו | הייסט |
| ער, זי, עס | הייסט |
| מיר | הייסן |
| איר | הייסט |
| זיי | הייסן |

אויב דער שטאַם ענדיקט זיך מיט אַ **ט**, שרײַבט מען נאָר איין **ט** אין דער דריטער פּערזאָן לשון־יחיד (ל״י) און דער צווייטער פּערזאָן לשון־רבים (ל״ר):

| | |
|---|---|
| איך | בײַט |
| דו | בײַטסט |
| ער, זי, עס | בײַט |
| מיר | בײַטן |
| איר | בײַט |
| זיי | בײַטן |

די קאָניוגאַציע פֿון **זײַן** און **האָבן**:

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך | בין | איך | האָב |
| דו | ביסט | דו | האָסט |
| ער, זי, עס | איז | ער, זי, עס | האָט |
| מיר | זײַנען/זענען | מיר | האָבן |
| איר | זײַט/זענט | איר | האָט |
| זיי | זײַנען/זענען | זיי | האָבן |

**־סטו:**

אויב דער פּראָנאָם **דו** קומט נאָך דעם קאָניוגירטן ווערב, שמעלצן זיי זיך צונויף אין איין פֿאָרמע: □□□**סטו**.

למשל:

| | |
|---|---|
| דו גייסט אין שול. | גייסטו אין שול? |
| דו לערנסט זיך ייִדיש. | לערנסטו זיך ייִדיש? |
| דו האָסט אַ טעלעפֿאָן. | האָסטו אַ טעלעפֿאָן? |
| דו ביסט אַ סטודענטקע. | ביסטו אַ סטודענטקע? |

## Wortstellung  װערטער־סדר

עס זײַנען דאָ װערבאַלע פֿראַזעס װאָס האָבן סײַ אַ טײל װאָס מע קאָניוגירט, סײַ אַ טײל װאָס ניט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך | לערן זיך | איך | געזעגן זיך |
| דו | לערנסט זיך | דו | געזעגנסט זיך |
| ער, זי, עס | לערנט זיך | ער, זי, עס | געזעגנט זיך |
| מיר | לערנען זיך | מיר | געזעגענען זיך |
| איר | לערנט זיך | איר | געזעגנט זיך |
| זיי | לערנען זיך | זיי | געזעגענען זיך |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| איך | בין מסכּים | איך | האָב מורא | איך | װער נעלם |
| דו | ביסט מסכּים | דו | האָסט מורא | דו | װערסט נעלם |
| ער, זי, עס | איז מסכּים | ער, זי, עס | האָט מורא | ער, זי, עס | װערט נעלם |
| מיר | זײַנען מסכּים | מיר | האָבן מורא | מיר | װערן נעלם |
| איר | זײַט מסכּים | איר | האָט מורא | איר | װערט נעלם |
| זיי | זײַנען מסכּים | זיי | האָבן מורא | זיי | װערן נעלם |

| | |
|---|---|
| איך | גיי אַװעק |
| דו | גייסט אַװעק |
| ער, זי, עס | גייט אַװעק |
| מיר | גייען אַװעק |
| איר | גייט אַװעק |
| זיי | גייען אַװעק |

דאָס זײַנען רעפֿלעקסיװע און פּעריפֿראַסטישע װערבן און װערבן מיט פּרעפֿיקסן װאָס מען קען אָפּטײלן (קאָנװערבן).

### **neue Wörter  נײַע װערטער**

| | |
|---|---|
| *oder* | אָדער |
| *weggehen* | אַװעקגיין |
| *wenn (Kond.), falls* | אויב |
| *und* | און |
| *ein (Zahlwort)* | איין |
| *Singular* | איינצאָל (ן), די |
| *Präsens* | איצטיקע צײַט, די |
| *(ab)trennen* | אָפּטײלן |
| *betont* | אַקצענטירט |
| *einfügen, hineinstellen* | אַרײַנשטעלן (איך שטעל אַרײַן) |
| *bauen* | בויען |
| *ändern, tauschen* | בײַטן |
| *sich sehnen* | בענקען |
| *sich verabschieden* | געזעגענען זיך (איך געזעגן זיך, מיר געזעגענען זיך) |
| *Grammatik* | גראַמאַטיק (עס), די |
| *es gibt* | דאָ: איז דאָ / זײַנען דאָ |

| | | |
|---|---|---|
| *du* | דו | |
| *Diphthong* | דיפֿטאָנג (ען), דער | [diftóng] |
| *dritte(r)* | דריט(ער) | |
| *Relativpronomen* | וואָס | |
| *Vokal* | וואָקאַל (ן), דער | |
| *folgend* | ווײַטערדיק | |
| *Verb* | ווערב (ן), דער | |
| *verbal* | ווערבאַל | |
| *Satzbau, Wortstellung* | ווערטער־סדר (ים), דער | [séyder – sdórim] |
| *sie (3. Pers. Sg. fem.)* | זי | |
| *sie (3. Pers. Pl.)* | זיי | |
| *ihr (Possessivpron. 3. Pers. Pl.)* | זייער | |
| *Reflexivpronomen* | זיך | |
| *sehen* | זען | |
| *Teil* | טייל (ן), דער/די | |
| *Silbe* | טראַף (ן), דער | |
| | ל״י = לשון־יחיד = איינצאָל | |
| *zum Beispiel* | למשל | [lemóshl] |
| *lernen* | לערנען זיך | |
| | ל״ר = לשון־רבים = מערצאָל | |
| *Singular* | לשון־יחיד, דאָס | [loshn-yókhed] |
| *Plural* | לשון־רבים, דאָס | [loshn-ráb(i)m] |
| *Angst haben (vor), fürchten* | מורא האָבן (פֿאַר) | [móyre] |
| *mit* | מיט | |
| *wir* | מיר | |
| *einverstanden sein* | מסכּים זײַן | [máskem] |
| *Plural* | מערצאָל (ן), די | |
| *nach* | נאָך | |
| *noch* | נאָך | |
| *nur* | נאָר | |
| *nicht* | ניט / נישט | |
| *(be)nutzen* | ניצן | |
| *verschwinden* | נעלם ווערן | [nelm] |
| | ס׳ = עס | |
| *Suffix* | סופֿיקס (ן), דער | [sufíks] |
| *(be)drohen (mit), einschüchtern* | סטראַשען מיט | |
| *sowohl … als auch* | סײַ ... סײַ | |
| *enden* | ענדיקן זיך | |
| *es* | עס | |
| *er* | ער | |
| *Person* | פּערזאָן (ען), די | |

| | |
|---|---|
| *periphrastisch (Adj., hier für: Konstruktionen, die aus einem Hilfsverb und einem unveränderlichen Teil bestehen)* | פּעריפֿראַסטיש |
| *feiern* | פּראַווען |
| *Pronomen* | פּראָנאָם (ען), דער |
| *Präfix* | [prefíks] פּרעפֿיקס (ן), דער |
| *Form (gramm.)* | פֿאָרמע (ס), די |
| *Phrase* | פֿראַזע (ס), די |
| *zwischen* | צווישן |
| *sich verschmelzen* | צונויפֿשמעלצן זיך (אין) |
| *trennbares Verbalpräfix* | קאָנווערב (ן), דער |
| *Konjugation* | קאָניוגאַציע[1] (ס), די |
| *konjugieren* | קאָניוגירן |
| *kommen* | קומען |
| *können* | קענען (ער קען) |
| *reflexiv* | [refleksív] רעפֿלעקסיוו[2] |
| *Synagoge; Schule* | שול (ן), די |
| *Stamm* | שטאַם (ען), דער |
| *spielen* | שפּילן זיך |
| *schreiben* | שרײַבן |

## Übungen גענִיטונגען

1. קאָניוגירט די ווײַטערדיקע ווערבן אין דער איצטיקער צײַט.

| | |
|---|---|
| *arbeiten* | אַרבעטן |
| *sich kennenlernen* | באַקענען זיך |
| *segnen* | בענטשן |
| *gehen; kommen* | גיין |
| *haben* | האָבן |
| *schwer arbeiten* | [hóreven] האָרעווען[3] |
| *genießen, sich freuen* | [hanóe] הנאה האָבן (פֿון) |
| *wachsen* | וואַקסן |
| *warten* | וואַרטן |
| *suchen* | זוכן |
| *sein* | זײַן |
| *bereuen* | [kharóte] חרטה האָבן (אויף) |

1 מען באַטאָנט דעם טראַף פֿאַרן סופֿיקס **יע** [ye]. למשל, קאָניוגאַציע [konyugátsye]

2 **יוו** איז געוויינטלעך באַטאָנט.

3 **עווע(ן)** איז אַלע מאָל אומבאַטאָנט.

| | |
|---|---|
| ליב האָבן | *liebhaben, mögen, lieben* |
| לערנען זיך | *lernen* |
| מאַכן | *machen; sagen* |
| מסכּים זײַן [máskem] | *einverstanden sein* |
| מקנא זײַן <+ דאַט׳> [mekáne] | *beneiden* |
| ענטפֿערן [éntfern] | *antworten* |
| פּראַווען | *feiern* |
| פֿײַנט האָבן | *hassen, nicht mögen* |
| פֿרעגן | *fragen* |
| קאַליע ווערן | *kaputtgehen, verderben* |
| קאָסטן | *kosten* |
| קוויטשען | *kreischen* |
| קושן | *küssen* |
| ראַטעווען | *retten* |
| ראַטעווען זיך | *sich retten* |

2. שטעלט אַרײַן די פּאַסיקע פֿאָרמע פֿון ווערב.

יעקבֿ: שלום־עליכם. וואָס (מאַכן) איר?

לאה: עליכם־שלום. גוט, און איר?

יעקבֿ: נישקשה, אַ דאַנק. צי (זײַן) איר אַ סטודענטקע דאָ אין אוניווער־סיטעט? איך (זוכן) דעם קורס פֿאַר ייִדישער געשיכטע. ווּ (זײַן) דער צימער?

לאה: איך (זײַן) אויך אַ סטודענטקע אין דעם קורס. מיר (טרעפֿן זיך) אין אָט דעם צימער.

יעקבֿ: אַ שײנעם דאַנק אײַך. זײַט געזונט.

| **נײַע ווערטער** | **neue Wörter** |
|---|---|
| אַ דאַנק | *Danke!* |
| אויך | *auch* |
| אָט <+ אַרטיקל> | *dieser* |
| אײַך | *euch; Sie, Ihnen (Dat./Akk.)* |
| אַלע מאָל | *immer* |
| אַרטיקל (ען), דער | *Artikel* |
| געניטונג (ען), די | *Übung* |
| געשיכטע (ס), די | *Geschichte* |
| וואָס מאַכט איר? / וואָס מאַכסטו? | *Wie geht es Ihnen/Dir?* |
| זײַ(ט) געזונט | *auf Wiedersehen, tschüss* |
| טרעפֿן זיך (מיט) | *sich treffen (mit)* |
| לאה [léye] | *Leah (weibl. Vorname)* |
| נישקשה [nishkóshe] | *erträglich, annehmbar, nicht schlecht* |
| עליכם־שלום [alèykhem-shólem] | *Antwort auf* שלום־עליכם |

| | |
|---|---|
| *passend* | פּאַסיק |
| *für; vor* | פֿאַר |
| *Zimmer, Raum* | צימער (ן), דער |
| *Kurs* | קורס (ן), דער |
| *Ich grüße Sie/dich!* | [shòlem-aléykhem] שלום־עליכם |

## Idiomatische Ausdrücke — אידיאָמען

### Die Zahלen 1 – 10 — די צאָלן 1 – 10

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1 | איינס | 6 | זעקס |
| 2 | צוויי | 7 | זיבן |
| 3 | דרײַ | 8 | אַכט |
| 4 | פֿיר | 9 | נײַן |
| 5 | פֿינף | 10 | צען |

**neue Wörter** **נײַע ווערטער**

| | |
|---|---|
| *Idiom, idiomatischer Ausdruck* | אידיאָם (ען), דער |
| *Zahl* | צאָל (ן), די |

## Begrüßungen — באַגריסונגען

| צײַט | | אַז מען באַגעגנט זיך | אַז מען געזעגנט זיך |
|---|---|---|---|
| אין דער פֿרי און בײַ טאָג | באַגריסונג<br>ענטפֿער | **גוט־מאָרגן**<br>**אַ גוט יאָר/(גוט־יאָר)** | **אַ גוטן (טאָג)**<br>**אַ גוט יאָר** |
| אין אָוונט | באַגריסונג<br>ענטפֿער | **גוטן־אָוונט**<br>**אַ גוט יאָר/(גוט־יאָר)** | **אַ גוטע נאַכט**<br>**אַ גוט יאָר** |
| תּמיד | באַגריסונג<br>ענטפֿער | **שלום־עליכם**<br>**עליכם־שלום** | **זײַ(ט) געזונט**<br>**זײַ(ט) געזונט** |
| שבת | באַגריסונג<br>ענטפֿער | **גוט־שבת**<br>**אַ גוט יאָר/(גוט־יאָר)/גוט־שבת** | **אַ גוטן שבת**<br>**אַ גוט יאָר/אַ גוטן שבת** |
| מוצאי־שבת | באַגריסונג<br>ענטפֿער | **אַ גוטע וואָך/גוט־וואָך**<br>**אַ גוט יאָר/(גוט־יאָר)/גוט־וואָך** | **אַ גוטע וואָך/אַ גוט יאָר**<br>**אַ גוט יאָר/אַ גוטע וואָך** |

| neue Wörter | **נײַע ווערטער** |
|---|---|
| *Abend* | אָוונט (ן), דער |
| *abends* | אין אָוונט |
| *morgens* | אין דער פֿרי |
| *treffen, begegnen* | באַגעגענען זיך מיט (איך באַגעגן זיך) |
| *Begrüßung* | באַגריסונג (ען), די |
| *tagsüber* | בײַ טאָג |
| *Woche* | וואָך (ן), די |
| *Tag* | טאָג (טעג), דער |
| *Ende des Sabbats, Sabbatende* | מוצאי־שבת, דער [mòtse-shábes] |
| *Nacht* | נאַכט (נעכט), די |
| *Antwort* | ענטפֿער (ס), דער |
| *Zeit* | צײַט (ן), די |
| *Sabbat* | שבת (ים), דער [shábes – shabósim] |
| *immer* | תּמיד [tómed] |

## Übungen **געניטונגען**

3. חזרט איבער די שמועסן. בײַט, אויב מעגלעך, אַלצדינג (למשל: באַגריסונג, אַדרעס, ...).

| **neue Wörter** | **נײַע ווערטער** |
|---|---|
| *Adresse* | אַדרעס (ן), דער |
| *wiederholen* | איבערחזרן (איך חזר איבער) [íberkhàzern] |
| *Europa* | אייראָפּע, (די) |
| *alles* | אַלצדינג |
| *Amerika* | אַמעריקע, (די) |
| *Biologie* | ביאָלאָגיע, די |
| *Germanistik* | גערמאַניסטיק, די |
| *Literatur* | ליטעראַטור (ן), די |
| *Mathematik* | מאַטעמאַטיק, די [màtemátik] |
| *Osteuropa* | מיזרח־אייראָפּע, (די) [mízrekh-] |
| *möglich* | מעגלעך |
| *Medizin* | מעדיצין, די |
| *Westeuropa* | מערבֿ־אייראָפּע, (די) [máyrev-] |
| *Soziologie* | סאָציאָלאָגיע, די |
| *Slawistik* | סלאַווישע פֿילאָלאָגיע, די |
| *Sekretärin* | סעקרעטאַרשע (ס), די |
| *Psychologie* | פּסיכאָלאָגיע, די |
| *Professor* | פּראָפֿעסאָר (ן), דער |

פּראָפֿעסאָרשע (ס), די — *Professorin*
ראָמאַנישע פֿילאָלאָגיע, די — *Romanistik*

4. אינטערוויויִרט אײַער שכן אָדער שכנה און שטעלט זי/אים פֿאָר.

**נײַע ווערטער** — **neue Wörter**
אײַער — *euer, Ihr (Possessivpron.)*
אים — *ihm, ihn*
אינטערוויויִרן — *interviewen*
פֿאָרשטעלן (איך שטעל פֿאָר) — *vorstellen*
שכן (ים), דער [shókhn – shkhéynim] — *Nachbar*
שכנה (־ות), די [shkhéyne – shkhéynes] — *Nachbarin*

## שמועס — Gespräch

### מיט פֿרײַנד — Unter Freunden

*[Track 2]*

**שׂרה** וואָס טוסטו דעם סוף־וואָך?
**הערשל** איך ווייס ניט. געוויינטלעך שפּיל איך קוישבאָל זונטיק נאָך מיטאָג. שבת רו איך זיך אָפּ פֿון די לימודים פֿון דער גאַנצער וואָך. וואָס טוסטו?
**שׂרה** איך טרעף זיך מיט חיימען און מיר שווימען אין אַן אָזערע. דאָס וואַסער איז נאָך אַלץ זייער וואַרעם. זונטיק און מיטוואָך לערן איך זיך ייִדיש. דער פּראָפֿעסאָר איז מודיע, אַז מיר שרײַבן אַן עקזאַמענדל אַלע דינסטיק אין דער פֿרי. איך בין ניט צופֿרידן. עס איז ניטאָ קיין צײַט.
**הערשל** אפֿשר קענען מיר שפּילן נעצבאָל מיטוואָך פֿאַר מיטאָג?
**שׂרה** מיטוואָך בין איך פֿאַרנומען. אָבער דאָנערשטיק איז זייער גוט. אפֿשר אין אָוונט?
**הערשל** גוט, לאָמיר זיך טרעפֿן פֿאַרן ייִדיש־אָפּטייל.
**שׂרה** פֿרײַטיק נאָך מיטאָג וועל איך גיין אין קינאָ. לאָמיר גיין צוזאַמען.
**הערשל** גוט, זײַ געזונט.

**נײַע ווערטער** — **neue Wörter**
אָבער — *aber*
אַז — *dass*
אָזערע (ס), די [ózere] — *(der) See*
אַלע דינסטיק — *jeden Dienstag*
אַלץ — *alles*
אָפּרוען זיך (איך רו זיך אָפּ) — *sich ausruhen, entspannen*
אפֿשר [éfsher] — *vielleicht*
אַק׳ = אַקוזאַטיוו
אַקוזאַטיוו (ן), דער — *Akkusativ*

| | |
|---|---|
| גאַנץ | *ganz* |
| געוויינטלעך | *gewöhnlich* |
| דאַט׳ = דאַטיוו | |
| דאַטיוו (ן), דער | *Dativ* |
| דאָנערשטיק (ן), דער | *Donnerstag* |
| דינסטיק (ן), דער | *Dienstag* |
| הערשל | *Herschel (männl. Vorname)* |
| וואַסער (ן), דאָס | *Wasser* |
| וואַרעם | *warm* |
| וויסן (איך ווייס) | *wissen* |
| וועלן (איך וועל, ער וועט) | *werden (Hilfsverb zur Bildung des Futurs)* |
| זונטיק (ן), דער | *Sonntag* |
| חיים [kháyem] | *Chaim (männl. Vorname)* |
| חיימען [kháyemen] | *Chaim (Dativ/Akkusativ)* |
| טאָן (ער טוט) | *tun, machen* |
| ייִדיש־אָפּטייל (ן), דער [ópteyl] | *Abteilung für Jiddisch* |
| לאָמיר | *lass(t) uns* |
| מודיע זײַן <+ דאַט׳> [medíe] | *mitteilen, bekannt geben* |
| מיטוואָך (ן), דער | *Mittwoch* |
| נאָך אַלץ | *noch, noch immer* |
| נאָך מיטאָג | *nachmittags* |
| ניטאָ/נישטאָ (עס איז ניטאָ) [nitó] | *es gibt nicht, nicht vorhanden, nicht da* |
| נישטאָ = ניטאָ | |
| נעצבאָל, דער | *Volleyball* |
| סוף־וואָך (ן), דער [sof-vókh] | *Wochenende* |
| עקזאַמענדל (עך), דאָס [ekzámendl] | *Test* |
| פֿאַר מיטאָג | *vormittags* |
| פֿאַרן = פֿאַר דעם | |
| פֿאַרנומען | *beschäftigt* |
| פֿרײַטיק (ן), דער | *Freitag* |
| פֿרײַנד (–), דער | *Freund* |
| צוזאַמען | *zusammen* |
| צופֿרידן | *zufrieden* |
| קוישבאָל, דער | *Basketball* |
| קיין | *kein* |
| קינאָ (ס), דער | *Kino* |
| שווימען | *schwimmen* |
| שפּילן <+ אַק׳> | *spielen* |
| שׂרה [sóre] | *Sarah (weibl. Vorname)* |

## Idiomatische Ausdrücke — אידיאָמען

### Die Wochentage — די טעג פֿון דער וואָך

| | |
|---|---|
| *Sonntag* | זונטיק |
| *Montag* | מאָנטיק |
| *Dienstag* | דינסטיק |
| *Mittwoch* | מיטוואָך |
| *Donnerstag* | דאָנערשטיק |
| *Freitag* | פֿרײַטיק |
| *Sabbat, Samstag, Sonnabend* | שבת |
| *Wochentag* | טאָג פֿון דער וואָך (טעג), דער |

## Übung — גענִיטונג

5. ענטפֿערט אויף די ווײַטערדיקע פֿראַגעס.
   1. וווּ שטודירט יעקבֿ?
   2. ווער שטודירט ייִדישע געשיכטע?
   3. וואָס פֿרעגט דער סעקרעטאַר?
   4. וואָס זוכט יעקבֿ?
   5. וואָס שטודירט אײַער שכן/אײַער שכנה?
   6. וווּ וווינט ער/זי?

| **neue Wörter** | **נײַע ווערטער** |
|---|---|
| *wer* | ווער |
| *beantworten* | ענטפֿערן אויף |
| *Frage* | פֿראַגע (ס), די |